# מגדים של זהב

**על דרך הפלפול והחידוד**

**שנת תשפ"ה - גליון קפו**

**חג המצות**

**דברי המנחת חינוך - מצות סיפור**
**יציאת מצרים - עם ביאור נרחב**

### מנחת חינוך פרשת בא - מצוה כא

אין ספר החינוך שטייט: **מצות סיפור יציאת מצרים - לספר בענין יציאת מצרים בליל חמשה עשר בניסן כל אחד כפי צחות לשונו, ולהלל ולשבח השם יתברך על כל הנסים שעשה לנו שם, שנאמר** (שמות יג, ח) **וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ**.

שרייבט דער מנחת חינוך: **מצוה זו עיין רמב"ם פרק ז מהלכות חמץ ומצה** (הלכה א - ה), **ומביא** - אויף די מצוה קוק אריין אין רמב"ם, און די רמב"ם ברענגט די מקור אויף די מצות עשה פון סיפור יציאת מצרים, **מפסוק זָכוֹר אֶת הַיּוֹם הַזֶּה אֲשֶׁר יְצָאתֶם מִמִּצְרַיִם וכו'** (שמות יג, ג), **ומנין שבליל חמשה עשר** - און דער רמב"ם איז ממשיך און ברענגט די מקור אז די מצוה איז דוקא פסח ביינאכט: **שנאמר, וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמֹר בַּעֲבוּר זֶה עָשָׂה ה' לִי בְּצֵאתִי מִמִּצְרָיִם** (שמות יג, ח), און ווי די רמב"ם איז מפרש דארט 'בעבור זה - בשעה שיש מצה ומרור מונחים לפניך', דהיינו די חיוב פון 'והגדת לבנך' איז דוקא ווען עס איז דא ביי דיר 'מצה ומרור', דהיינו פסח ביינאכט.

### קושית המנחת חינוך

פאר דער מנחת חינוך איז שווער געווען, פארוואס האט דער רמב"ם געדארפט ברענגען צוויי פסוקים, סיי די פסוק פון 'זכור את היום הזה', און סיי די פסוק 'והגדת לבנך ביום ההוא'?

### תירוצו של המנחת חינוך

קומט דער מנחת חינוך און ענטפערט: **ובאמת** דארף מען ברענגען **שני הפסוקים** -ביידע פסוקים, ווייל ביידע פסוקים צוזאמען **משלימים דין המצוה** - ברענגען ארויס די מצות עשה פון סיפור יציאת מצרים פסח ביינאכט.

**דאי מפסוק זכור** - ווייל ווען מען וואלט נאר געהאט די לימוד פון 'זכור את היום הזה', **הוה אמינא** - וואלט מען געזאגט **כמו דכל יום מזכירין יציאת מצרים בפני עצמו** - אזוי ווי יעדען טאג וואס איז דא די חיוב פון 'זכירת יציאת מצרים', איז דער מצוה נאר פאר די מענטש אליין **ואינו מודיע לבנו** - און עס איז נישט דא א חיוב יעדען טאג צו פארציילן פאר די קינדער די נס פון יציאת מצרים, **הכי נמי בליל ט"ו** - איז פון די פסוק פון 'זכור את היום הזה', וואלט מען נישט געוויסט אז עס דא אן עקסטערע חיוב בליל חמשה עשר בניסן אז מען דארף פארציילן די נס פון יציאת מצרים אויך פאר די קינדער, וועגן דעם דארף מען האבן די פסוק פון 'והגדת לבנך ביום ההוא', צו לאזן וויסן אז פסח ביינאכט איז דא נאך א חלק אין די מצוה פון סיפור יציאת מצרים, דהיינו מען דארף עס פארציילן אויך פאר די קינדער.

**ואי מפסוק והגדת** - און אויב וואלט דער רמב"ם נאר געברענגט די פסוק פון 'והגדת לבנך' [וואס בעצם קען מען פון דא ארויס לערנען סיי די מצוה פון סיפור יציאת מצרים, און סיי אז עס איז דא א מצוה צו פארציילן אויך פאר די קינדער] **הוה אמינא** - וואלט איך געזאגט אז די מצוה פון סיפור יציאת מצרים איז **דוקא אם יש לו בן** - אויב ער האט קינדער, **או אחר עמו לספר** - אדער אויב ער האט אן אנדערע מענטש וואס ער קען אים פארציילן די נס פון יציאת מצרים, **אבל אם הוא ביחידי אינו מצוה** - אבער אויב איינער זיצט אליינס ביים סדר פסח ביינאכט, וואלט מען אים נישט מחייב געווען מיט די מצוה פון סיפור יציאת מצרים, וויבאלד ביי אים איז נישט דא דעם 'והגדת לבנך', **על כן הביא הפסוק דזכור** - וועגן דעם קומט דער רמב"ם און ברענגט אויך די פסוק פון 'זכור את היום הזה', וואס דארט שטייט נישט אז את מיז דוקא זיין פאר 'בנך', כדי צו קומען לאזן הערן: **דגם בפני עצמו מצוה להזכיר** - אז אפילו ווען איינער זיצט אליין ביים סדר, האט ער אויך א חיוב צו פארציילן די נסים פון יציאת מצרים.

שרייבט דער מנחת חינוך: **והרב המחבר - כָּלַל כל הדינים בפסוק זה והגדת לחוד** - און דער ספר החינוך, שרייבט אז די גאנצע מקור פון סיפור יציאת מצרים נאר פון די פסוק 'והגדת לבנך', און ער ברענגט נישט אויך די פסוק פון 'זכור את היום הזה', אזוי ווי דער רמב"ם האט געטוהן, **ואין נפקא מינה כל כך לא ראיתי להאריך בזה** - און וויבאלד עס כאפט למעשה נישט קיין גרויסע נפקא מינה, זאגט די מנחת חינוך אז ער גייט נישט מאריך זיין אין דער דיוק אויף דעם ספר החינוך.

## קושית המנחת חינוך מה מיוחד בסיפור יציאת מצרים בליל פסח יותר מזכירת יציאת מצרים בכל לילה

דער רמב"ם שרייבט דא אין הלכות חמץ ומצה: **'מצות עשה של תורה לספר בנסים ונפלאות שנעשו לאבותינו במצרים בליל חמשה עשר בניסן'**, און אזוי אויך שרייבט די רמב"ם אזוי אין זיין ספר המצות (עשה קנז), קומט דער מנחת חינוך און פרעגט: **והנה לכאורה צריך עיון על הר"מ דמונה המצוה לספר בליל ט"ו מאי מעליותא דליל זה מכל הלילות** - פון דער רמב"ם איז משמע אז 'פסח ביינאכט' איז דא אן עקסטערע מצוה פון סיפור יציאת מצרים, און לכאורה איז זייער שווער, עס איז דאך דא א חיוב 'יעדער נאכט' דער מצוה פון זכירת יציאת מצרים, **הא מצוה להזכיר יציאת מצרים בכל יום ובכל לילה** - עס איז דאך א חיוב יעדער נאכט פון זכירת יציאת מצרים, **עיין ברכות** (יב, ב) אזוי ווי די משנה זאגט אין מסכת ברכות: **מזכירין יציאת מצרים בלילות** - ווי די משנה שרייבט דארט: **'מזכירין יציאת מצרים בלילות'**, עס איז דא א חיוב צו דערמאנען די נסים פון יציאת מצרים אפילו ביינאכט, און בן זומא לערנט עס ארויס פון די פסוק **'לְמַעַן תִּזְכֹּר אֶת יוֹם צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ'** (דברים טז, ג), **ימי חייך - הימים**, דהיינו עס איז דא 'בייטאג' א חיוב צו דערמאנען יציאת מצרים, **'כל' ימי חייך - הלילות**, דהיינו עס איז דא אויך 'ביינאכט' א חיוב צו דערמאנען יציאת מצרים, און אויב אזוי איז שווער וואס קומט דער רמב"ם און שרייבט אז עס איז דא א מצות עשה פון סיפור יציאת מצרים 'פסח ביינאכט', לכאורה ווי מען זעהט איז דאך דא די זעלבע מצוה פון זכירת יציאת מצרים יעדער נאכט און נישט דוקא בליל פסח?

## נסיון ראשון לתריץ

און דער מנחת חינוך איז ממשיך: **אף דלכאורה חכמים פליגי** - אין די משנה דארט אין מסכת ברכות איז דא די שיטה פון די חכמים וואס קריגן זיך אויף שיטת בן זומא און זיי זאגן: 'ימי חייך' העולם הזה, 'כל' להביא לימות המשיח, דהיינו די חכמים לערנען נישט ארויס פון 'כל ימי חייך' צו מרבה זיין א חיוב פון זכירת יציאת מצרים בלילה, און זיי האלטן אז עס איז נישט דא קיין חיוב צו דערמאנען יציאת מצרים ביינאכט, און אויב אזוי אפשר האלט דער רמב"ם אז עס איז נישט דא קיין חיוב א גאנץ יאר צו פארציילן די נסים פון יציאת מצרים, און וועגן דעם שרייבט דער רמב"ם אז פסח ביינאכט איז אנדערש פון א גאנץ יאר, אז עס איז דא א חיוב צו פארציילן 'ביינאכט' די נסים פון יציאת מצרים.

## דחיית התירוץ

זאגט אבער דער מנחת חינוך: **מכל מקום רוב הפוסקים והרמב"ם מכללם בפרק א מהלכות קריאת שמע הלכה ג פסקו כבן זומא דמצוה להזכיר יציאת מצרים ביום ובלילה שנאמר למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך עיי"ש** - דהיינו רוב פסוקים און אזוי אויך דער 'רמב"ם' אליין פסק'נט דאך בפירוש אזוי ווי בן זומא, און ווי ער שרייבט אין הלכות קריאת שמע: **'אף על פי שאין מצות ציצית נוהגת בלילה קוראין אותה בלילה מפני שיש בה זכרון יציאת מצרים ומצוה להזכיר יציאת מצרים ביום ובלילה שנאמר למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך'**, און אויב אזוי ווערט צוריק שווער, אויב האלט דער רמב"ם אזוי ווי בן זומא אז עס איז דא יעדער נאכט א חיוב פון זכירת יציאת מצרים, איז וואס שרייבט דער רמב"ם אז עס איז דא א עקסטערע  חיוב פון סיפור יציאת מצרים פסח ביינאכט?

## נסיון שני לתריץ - ודחיית התירוץ

דער מנחת חינוך איז ממשיך און וויל זאגן אז אפשר איז די חילוק פון די מצוה פון זכירת יציאת מצרים א גאנץ יאר און די מצוה פון סיפור יציאת מצרים פסח ביינאכט, אז א גאנץ יאר איז די חיוב נאר 'מדרבנן', מה שאין כן פסח ביינאכט איז די חיוב מדאורייתא.

זאגט אבער דער מנחת חינוך אז מען קען נישט אזוי זאגן: **וזכירת יציאת מצרים ביום ובלילה הוא מדאורייתא** - די מצוה פון זכירת יציאת מצרים אגאנץ יאר איז מצות עשה דאורייתא, **עיין ברכות כ"א א** - אזוי ווי עס שטייט אין מסכת ברכות: **ספק אמר אמת ויציב חוזר וקורא, דיציאת מצרים דאורייתא אף למאן דסובר קריאת שמע דרבנן** - פירוש: שטייט אין מסכת ברכות (כא, א): **אמר רב יהודה ספק קרא קריאת שמע ספק לא קרא - אינו חוזר וקורא, ספק אמר אמת ויציב, ספק לא אמר - חוזר ואומר אמת ויציב. מאי טעמא - קריאת שמע דרבנן, אמת ויציב דאורייתא** - דהיינו רב יהודה זאגט א מענטש וואס האט א ספק צו ער האט געליינט קריאת שמע צו נישט, דארף ער נישט איבערליינען קריאת שמע ווייל רב יהודה האלט דארט אז די מצוה פון קריאת שמע איז נאר מדרבנן, און ביי דרבנן זאגט מען אז 'ספק דרבנן להקל', און מען דארף נישט איבער ליינען קריאת שמע, אבער אויב איינער האט א ספק צו ער האט געזאגט 'אמת ויציב' וואס דארט שטייט די ניסים פון יציאת מצרים, דעמאלטס דארף ער יא איבער זאגן אמת ויציב, וויבאלד די מצוה פון זכירת יציאת מצרים איז א מצות עשה דאורייתא און די כלל איז א 'ספק דאורייתא לחומרא', זעהט מען פון די גמרא אז אפילו למאן דאמר אז קריאת שמע איז דרבנן, אבער דעס איז איינמאל זיכער אז די מצוה פון זכירת יציאת מצרים איז א מצות עשה דאורייתא, און אויב אזוי ווערט צוריק שווער: **אם כן מאי נתוסף בליל ט"ו?** - וואס שרייבט דער רמב"ם אז עס איז דא א באזינדערע מצות עשה פון סיפור יציאת מצרים פסח ביינאכט, לכאורה איז דאך דא א יעדער נאכט א מצות עשה פון זכירת יציאת מצרים?

און דער מנחת חינוך איז מוסיף: **ועיין פרי חדש הלכות קריאת שמע האריך בענינים אלו** - דער פרי חדש אין הלכות קריאת שמע (אורח חיים סימן סז) איז מאריך באריכות גדולה צו די מצוה פון קריאת שמע איז א מצוה דאורייתא אדער דרבנן, עיי"ש.

## נסיון שלישי לתריץ

קומט דער מנחת חינוך מיט נאך א מהלך צו מסביר זיין די חילוק פון די מצות עשה פון סיפור יציאת מצרים א גאנץ  יאר מיט די מצוה וואס איז דא פסח ביינאכט: **וגם אין לומר דתמיד די בהרהור דכתיב 'תזכור' עיין במגילה** (יח, א) **וכאן דכתיב 'והגדת' צריך הגדה בפה** -

פירוש: דער מנחת חינוך זאגט אז מען קען מחלק זיין אז די מצוה פון זכירת יציאת מצרים א גאנץ יאר איז גענוג אז מען איז מקיים די מצוה נאר מיט 'הרהור' אבער די מצוה פון פסח ביינאכט מיז זיין דוקא 'בפה', און די טעם פארוואס מען זאל אזוי מחלק זיין איז וויבאלד די מקור פון די חיוב פון זכירת יציאת מצרים א גאנץ יאר לערנט מען ארויס פון די פסוק 'לְמַעַן תִּזְכֹּר אֶת יוֹם צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ' (דברים טז, ג), און דארט שטייט נאר די לשון 'תזכור'. און די גמרא זאגט אין מסכת מגילה (יח, א): עס שטייט אין פסוק ביי עמלק **זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק** (דברים כה, יז), זאגט די גמרא דארט: **'זכור' יכול בלב** - פון די ווארט זכור איז משמע עס איז גענוג צו געדענקן 'בלב', דהיינו אפילו בהרהור איז גוט, **כשהוא אומר תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם 'לֹא תִּשְׁכָּח'**, שטייט צוויי פסוקים שפעטער (פסוק יט) 'לא תשכח', **הרי שכחת הלב אמור, הא מה אני מקיים זכור, בפה** - פירוש: אויב וואלט די מצוה

פון 'זכור את אשר עשה לך עמלק' נאר געווען א מצוה וואס מען קען מקיים זיין 'בלב', וואלט געווען גענוג אז עס שטייט 'לא תשכח', און פארוואס שרייבט די תורה 'זכור', כדי צו קומען לאזן הערן אז די מצוה פון זכירת עמלק איז א מצוה וואס מען דארף מקיים זיין 'בפה'.

זאגט דער מנחת חינוך אז דא ביי די מצוה פון זכירת יציאת מצרים שטייט דאך די לשון פון 'תזכור', און ווי עס איז משמע פון מסכת מגילה, איז ווען עס שטייט 'נאר' די לשון פון 'זכירה' קען עס מיינען 'בלב', און אויב אזוי איז מען מקיים א גאנץ יאר די מצוה פון זכירת יציאת מצרים אפילו בהרהור, מה שאין כן פסח ביינאכט וואס די חיוב פון סיפור יציאת מצרים לערנט מען ארויס פון די פסוק 'וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמֹר', וואס דא שטייט בפירוש די לשון 'והגדת' וואס דעס מיינט אז עס דארף זיין 'בדיבור דוקא', און אויב אזוי האבן מיט א שיינער חילוק פון די מצוה פון סיפור יציאת מצרים א גאנץ יאר און פסח, א גאנץ יאר איז מען יוצא אפילו נאר 'בהרהור', און פסח ביינאכט מיז זיין דוקא 'הגדה'.

## דחיית תירוץ זה

זאגט אבער דער מנחת חינוך:

**זה אינו** - די תירוץ קען מען אויך נישט זאגן, **עיין שו"ת שאגת אריה הלכות יציאת מצרים (סימן יג) האריך לברר שאין יוצא ידי חובתו בהרהור** - פירוש: דער שאגת אריה האט א גאנצער סימן איז זיין ספר ווי ער איז מבאר אז מען איז נישט יוצא די מצוה פון 'זכירת יציאת מצרים' דורך הרהור אליין, און א גאנץ יאר מיז אויך זיין דוקא 'בפה', און אויב אזוי קען מען נישט זאגן אז דעס אז די חילוק פון די מצוה פון זכירת יציאת מצרים א גאנץ יאר מיט פסח ביינאכט.

## נסיון רביעי לתרץ

קומט דער מנחת חינוך און שרייבט א פערדע חילוק: **ולומר דבכל יום די בהזכרת יציאת מצרים לחוד בלא סיפור, וכאן צריך סיפור הנסים ונפלאות שעשה עמנו השי"ת** - פירוש: מען קען זאגן אז די חילוק פון הזכרת יציאת מצרים א גאנץ יאר און די מצוה פון הזכרת יציאת מצרים פסח ביינאכט איז, אז א גאנץ יאר איז די מצוה אז מען דארף פשוט 'דערמאנען' די נסים פון יציאת מצרים, מה שאין כן פסח ביינאכט איז דא א באזונדערע חיוב צו 'פארציילן' און 'מאריך' זיין אין סיפור פון יציאת מצרים, **כנראה מהר"מ** - אזוי ווי עס איז משמע פון דער רמב"ם ווי דער רמב"ם שרייבט די מצות עשה פון סיפור יציאת מצרים פסח ביינאכט: מצות עשה של תורה 'לספר בנסים ונפלאות שנעשו לאבותינו במצרים בליל חמשה עשר בניסן', איז משמע אז פסח ביינאכט איז די מצוה בדרך פון 'לספר', **והרב המחבר כאן** - און אזוי אויך איז משמע פון דער חינוך דא ביי די מצוה פון סיפור יציאת מצרים ווי ער שרייבט: **'לספר בענין יציאת מצרים בליל חמשה עשר בניסן כל אחד כפי צחות לשונו, ולהלל ולשבח השם יתברך על כל הנסים שעשה לנו שם'**, איז משמע אז די מצוה איז 'לספר', און נישט נאר פשוט אן 'הזכרה' בלבד, **ומסכת פסחים** (קטו, ב) **עיי"ש** - און אזוי אויך איז משמע אין די גמרא אין מסכת פסחים אין פרק ערבי פסחים ווי די גמרא זאגט דארט: **'אמר שמואל: לחם עני - לחם שעונין עליו דברים'**, זעהט מען אז פסח ביינאכט איז דא אן ענין צו מאריך זיין בסיפור יציאת מצרים.

## דחיית התירוץ

**דאפשר דגם בליל פסח יוצא בהזכרה לחוד** - פירוש: דער מנחת חינוך זאגט אז אפילו מען זעהט פון דער רמב"ם און פון דער ספר החינוך אז פסח ביינאכט דארף די הזכרת יציאת מצרים זיין בדרך סיפור ובאריכות, אפילו אזוי דעס איז נאר 'מדרבנן', דהיינו מדרבנן איז דא א ענין פסח ביינאכט צו מאריך זיין אין די מצוה פון סיפור יציאת מצרים, אבער 'מדאורייתא' איז מען יוצא פסח ביינאכט אפילו אויב עס איז געווען בדרך 'הזכרה לחוד'.

און דער מנחת חינוך ברענט צוויי ראיות אז אפילו פסח ביינאכט איז מען יוצא די מצוה פון סיפור יציאת מצרים אפילו מען האט עס מקיים געווען נאר בדרך הזכרה לחוד.

ראיה א - **ועיין פרי חדש סי' תע"ג דבהזכרת יציאת מצרים בקידוש יצא** - פירוש: דער פרי חדש (הלכות פסח סימן תעג סעיף ו) פרעגט: **ואם תאמר למה אין מברכין על ההגדה והא כתיב** (שמות יג, ח) **והגדת לבנך** - פירוש: פארוואס מאכט מען נישט קיין ברכה אויף די מצוה פון 'סיפור יציאת מצרים', אזוי ווי די דין איז אז אויף יעדער מצות עשה וואס מען איז מקיים מאכט מען א ברכה פאר דעם, אזוי ווי די מצוה פון מצה? ענטפערט דער פרי חדש: **וי"ל דביציאת מצרים שנזכיר בקידוש יצא ידי חובה מההגדה ומשום הכי לא מברך** - פירוש: מען קען נישט מאכן קיין ברכה פסח ביינאכט פאר די הגדה וויבאלד ווען מען האט געזאגט ביי קידוש 'זכר ליציאת מצרים', האט מען שוין בעצם יוצא געווען די מצוה פון 'הזכרת יציאת מצרים', און אויב אזוי קען מען נישט מאכן יעצט פאר די הגדה, ווייל מען האט שוין יוצא געווען די מצוה. עד כאן דברי הפרי חדש. על כל פנים זעהט מען פון דער פרי חדש, אז אפילו פסח ביינאכט איז די מצוה פון סיפור יציאת מצרים אפילו בדרך 'הזכרה לחוד', איז קען מען נישט זאגן אז דעס איז די חילוק פון הזכרת יציאת מצרים א גאנץ יאר מיט פסח ביינאכט.

ראיה ב - **ועיין ר"ן שכתב דכל שלא אמר שלשה דברים אלו בפסח לא יצא ידי חובתו היינו מן המובחר כראוי, וראיה מסוכה, אבל יצא ידי חובתו מן התורה** - פירוש: אין מסכת פסחים שטייט (קטז, ב): **רבן גמליאל היה אומר, כל שלא אמר שלשה דברי אלו בפסח לא יצא ידי חובתו, ואלו הן: פסח מצה ומרור** - דהיינו, רבן גמליאל זאגט אז ווער עס זאגט נישט די דריי זאכן פסח ביינאכט איז נישט 'יוצא ידי חובתו', און רבן גמליאל איז דארט מבאר אז מען דארף מבאר די דריי זאכן פון 'פסח' 'מצה' מיט 'מרור'. קומט דארט דער ר"ן און שרייבט: **'לא יצא ידי חובתו', כלומר לא יצא ידי חובתו 'כראוי', אבל לא יצא ידי חובתו כלל 'לא קאמר'** - דהיינו דעס וואס רבן גמליאל זאגט אזוי שארף 'לא יצא ידי חובתו', מיינט נישט אז מען האט 'בכלל נישט יוצא געווען', נאר עס מיינט אז מען האט נישט יוצא געווען די מצוה פון סיפור יציאת מצרים 'כראוי', און דער ר"ן ברענגט א ראיה צו זיינע ווערטער: **ודכותה בסוכה** (כח, א) **אם כן היית נוהג לא קיימת מצות סוכה מימיך, לאו דוקא דהא לא הוי טעמא דההיא אלא משום דילמא אתי לאמשוכי בתר שולחנו, וכל היכא דלא אימשך לא סגי דלא יצא, אלא ודאי כדאמרן** - פירוש: די משנה זאגט אין מסכת סוכה (כח א): **מי שהיה ראשו ורובו בסוכה ושולחנו בתוך הבית, בית שמאי פוסלין ובית הלל מכשירין** - איינער וואס זיצט אין א סוכה און זיין טיש געפינט זיך 'בבית', זאגן בית שמאי אז ער האט נישט יוצא געווען די מצוה פון סוכה, און בית הלל זאגט אז מען האט יא יוצא געווען. פארציילט די משנה דארט: **...מעשה שהלכו זקני בית שמאי וזקני בית הלל לבקר את רבי יוחנן בן החורנית, ומצאוהו שהיה יושב ראשו ורובו בסוכה ושולחנו בתוך הבית...**

אײנמאל זענען זקני בית שמאי וזקני בית הלל געגאנגן באזיכן רבי יוחנן בן החורנית, און זיי האבן געזעהן ווי רבי יוחנן זיצט אין סוכה ראשו ורובו, און זיין שולחן איז געווען בתוך הבית, **אמרו לו** - און די זקני בית שמאי האבן געזאגט פאר רבי יוחנן בן החורנית: **אם כן היית נוהג - לא קיימת מצות סוכה מימיך** - אויב זיצטסטו אזוי אין די סוכה 'לא קיימת מצות סוכה מימיך', דהיינו די האסט קיינמאל נישט מקיים געווען די מצוה פון סוכה. זאגט דער ר"ן, אז ביי סוכה איז א דבר פשוט אז מען קען נישט מפרש זיין 'לא קיימת מצות סוכה מימיך' כפשוטו, וויבאלד זיכער מדאורייתא איז מען יוצא ווען מען זיצט אין די סוכה אפילו ווען שלחנו איז בתוך הבית, ווייל עס איז דאך נאר א גזירה מדרבנן, אז אפשר גייט מען ווערן נאכגעשלעפט נאך די שלחן און מען גייט עסן אינדרויסן פון די סוכה, אבער זיכער האט רבי יוחנן יוצא געווען די מצוה פון סוכה, נאר די בית שמאי האבן געמיינט צו זאגן אז ער האט נישט יוצא געווען די מצוה פון סוכה 'כראוי', איז הוא הדין ביי רבן גמליאל, מיינט נישט רבן גמליאל צו זאגן אז מען איז בכלל נישט מקיים די מצוה פון סיפור יציאת מצרים אויב מען זאגט נישט 'פסח מצוה ומרור', נאר רבן גמליאל מיינט צו זאגן אז מען איז נישט יוצא די מצוה 'כראוי'. עד כאן דברי הר"ן.

זאגט דער מנחת חינוך אז הוא הדין לגבי די דין פון 'סיפור' יציאת מצרים פסח ביינאכט, אודאי אויב איינער וויל מקיים זיין די מצוה 'כראוי' זאל ער טאקע מקיים זיין די מצוה בדרך 'סיפור' און מיט אן 'אריכות', אבער מען אפילו איינער וואס איז נאר 'מזכיר' יציאת מצרים פסח ביינאכט האט אויך יוצא געווען, טאקע נישט 'כראוי', אבער יוצא געווען מדאורייתא האט ער, און אויב אזוי קען מען נישט זאגן אז די ענין פון 'סיפור' דעס איז די מצוה וואס פסח ביינאכט איז אנדערש פון א גאנץ יאר.

### תירוצו הסופי של המנחת חינוך בחילוק המצוה של זכירת יציאת מצרים כל השנה - לליל פסח

קומט דער מנחת חינוך און ענטפערט זיין ענדגילטיגע תירוץ אויף זיין קשיא "וואס איז די חילוק פון זכירת יציאת מצרים א גאנץ יאר, מיט די מצוה פון פסח ביינאכט: **ולפי מה שכתבתי** - און לויט ווי איך האב געשריבן, אז דער רמב"ם ברענגט אראפ צוויי פסוקים פאר די מצוה פון סיפור יציאת מצרים בליל פסח, איין פסוק פון 'זכור את היום הזה', און די צווייטע פסוק פון 'והגדת לבנך', כדי צו קומען לאזען הערן אז פסח ביינאכט קומט צו א תוספות צו די מצוה פון זכירת יציאת מצרים, דהיינו אז מען דארף עס פארציילן פאר די קינדער אדער פאר א אנדערע מענטש וואס געפינט זיך ביים סדר, **אפשר לומר דתמיד המצוה להזכיר בפני עצמו ולא להגיד לבנו וכאן המצוה לספר לבנו** - דהיינו, די מצוה פון זכירת יציאת מצרים ביינאכט איז אז מען דארף עס פארציילן פאר די קינדער, מה שאין כן א גאנץ יאר איז נאר דא א חיוב אויף די מענטש אליין צו מזכיר זיין יציאת מצרים. לפי די תירוץ קומט דער מנחת חינוך און איז מחדש: **אבל אם אין עמו אחר המצוה להזכיר בעצמו שוה לשאר הלילות** - פירוש: לפי זה קומט אויס אז אויב איינער האט נישט קיין קינדער אדער איינעם אנדערש, און ער קען נישט מקיים זיין דעם 'והגדת', וועט אויס קומען אז די מענטש האט נישט פסח ביינאכט קיין 'נייע' מצוה פון זכירת יציאת מצרים, און ער האט די חיוב פון זכירת יציאת מצרים וואס ער האט א גאנץ יאר.

### סיכום דברי המנחת חינוך עד עכשיו

דער רמב"ם ברענגט צוויי פסוקים וואס פון דעם לערנט מען ארויס אז עס איז דא א חיוב פון סיפור יציאת מצרים פסח ביינאכט. 1. די פסוק פון זָכוֹר אֶת הַיּוֹם הַזֶּה אֲשֶׁר יְצָאתֶם מִמִּצְרַיִם 2. די פסוק פון וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמֹר, און דער מנחת חינוך האט מבאר געווען אז מען דארף ביידע פסוקים, די פסוק פון 'והגדת' כדי צו מחייב זיין פאר איינער וואס האט קינדער אדער 'אחר עמו' ביים סדר האט ער א חיוב צו פארציילן פאר דעם צווייטען, און די פסוק פון 'זכור' כדי צו קומען לערנען אז אפילו איינער וואס האט נישט קיין קינדער איז אויך מחויב מיט די מצה פון סיפור יציאת מצרים פסח ביינאכט.

דער מנחת איז שווער געווען אז עס איז דאך דא א חיוב פון 'זכירת יציאת מצרים' א יעדער נאכט פון די יאר, און ווי מען לערנט עס ארויס פון די פסוק 'לְמַעַן תִּזְכֹּר אֶת יוֹם צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם "כֹּל" יְמֵי חַיֶּיךָ', איז וואס איז פסח ביינאכט אנדערש? און דער מנחת חינוך האט געברענגט פיהר תירוצים און אלעס אפגעפרעגט: תירוץ א - אז די חכמים האלטן אז עס איז נישט דא א גאנץ יאר א חיוב פון זכירת יציאת מצרים בלילה. דחייה - רוב פוסקים ובכללם הרמב"ם פסק'ענען אזוי ווי בן זומא אז עס איז יא דא א חיוב. תירוץ ב - די חיוב א גאנץ יאר איז נאר מדרבנן. דחייה - פון די גמרא איז מוכח אז די חיוב איז יא מדאורייתא. תירוץ ג - א גאנץ יאר איז די חיוב נאר 'בהרהור', און פסח ביינאכט 'בסיפור בפה'. דחייה - די שאגת אריה האט שוין מבאר געווען באריכות, אז אפילו א גאנץ יאר מיז אויך זיין 'בפה' און מען איז נישט יוצא בהרהור. תירוץ ד - א גאנץ יאר קען מען מזכיר בקיצור, און פסח ביינאכט דארף עס זיין 'בסיפור' און 'באריכות'. דחייה - דעס איז נאר מדרבנן, ומדאורייתא איז מען יוצא אפילו אויב עס איז געווען 'בהזכרה', אזוי ווי דער פרי חדש און דער ר"ן שרייבן. און צום סוף שרייבט דער מנחת זיין פיפטע תירוץ - אז פסח ביינאכט איז דא א חילוק אז עס דארף זיין 'והגדת לבנך', דהיינו מען דארף פארציילן די נס פון יציאת מצרים פאר איינעם, מה שאין כן א גאנץ יאר דארף זיין די הזכרה פאר זיך אליין. און לפי זה איז דער מנחת חינוך מחדש, אז איינער וואס האט נישט פאר וועם צו פארציילן פסח ביינאכט די נס פון יציאת מצרים, האט ער טאקע נישט קיין נייע מצוה פון סיפור יציאת מצרים, נאר ער האט די מצוה וואס איז דא א גאנץ יאר.

### קושית המנחת חינוך למה הביא הרמב"ם הפסוק 'זכור את היום הזה' למצות זכירת יציאת מצרים, תיפוק ליה מ'למען תזכור'

נאך די גאנצע ביאור און בירור קומט דער מנחת חינוך און פרעגט: **אך כיון דעיקר מצוה המחודשת לספר לאחר** - נאך וואס מען האט מבאר געווען אז פסח ביינאכט קומט צו נאר די מצוה פון 'והגדת' און איינער וואס האט נישט די מצוה פון 'והגדת' איז די חיוב פסח ביינאכט פאר אים אזוי ווי די חיוב פון א גאנץ יאר, **אם כן למה הביא הר"מ פסוק זה דזכור, תיפוק ליה דחייב כמו בכל הלילות מפסוק למען תזכור כמו שדרשו בש"ס מפסוק זה ומביאו הוא בעצמו בהלכות קריאת שמע כמו שכתבתי עיי"ש** - איז פארוואס שרייבט די רמב"ם אז די חיוב פון סיפור יציאת מצרים איז פון די פסוק 'זָכוֹר אֶת הַיּוֹם הַזֶּה אֲשֶׁר יְצָאתֶם מִמִּצְרַיִם', ווי מען זעהט יעצט איז בעצם דא די חיוב פון זכירת יציאת מצרים פסח ביינאכט פונקט ווי עס איז דא א גאנץ יאר [פאר איינער וואס האט נישט די חיוב פון 'והגדת'], און דעס לערנט מען דאך ארויס פון די פסוק 'לְמַעַן תִּזְכֹּר אֶת יוֹם צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם "כֹּל" יְמֵי חַיֶּיךָ', איז פארוואס ברענגט דער רמב"ם א נייע פסוק?

### תירוצו של המנחת חינוך

פאר מען גייט לערנען די תירוץ פון דער מנחת חינוך אין זיינע הייליגע ווערטער, גיין מיר קודם שרייבן אן הקדמה כדי צו פרשטיין די גאוני'שע תירוץ וואס דער מנחת חינוך ענטפערט. די משנה זאגט אין מסכת שבועות (כז, א):

נשבע לבטל את המצוה ולא ביטל - פטור, לקיים ולא קיים פטור - פירוש: איינער וואס מאכט א שבועה אז ער גייט 'נישט' מקיים זיין א מצוה, און צום סוף האט ער 'יא' מקיים געווען די מצוה, איז די דין אז ער איז 'פטור', און אזוי אויך אויב האט ער געמאכט א שבועה אז ער גייט 'יא' מקיים זיין א מצוה, און צום סוף האט ער 'נישט' מקיים געווען די מצוה, למשל ער האט געמאכט א שבועה אז ער גייט עסן מצה, און צום סוף האט ער נישט מקיים געווען די מצות עשה פון מצה, דעמאלטס באקומט ער נאר א שטארף אויף דעם וואס ער האט נישט מקיים געווען די מצוה פון מצה, אבער אויף דעם אז ער האט עובר געווען אויף זיין 'שבועה' איז ער נישט חייב, ווייל די דין איז אויב איינער מאכט א שבועה אז ער גייט מקיים זיין אדער מבטל זיין א מצוה איז די שבועה נישט חל און די טעם איז (כך כתבו רוב ראשונים) וויבאלד יעדער איד איז 'מושבע ועומד מהר סיני', דהיינו מען איז שוין באשווארן פון די מעמד פון קבלת התורה צו מקיים זיין די גאנצע תורה, און די דין איז אז 'אין שבועה חל על השבועה', וועגן דעם ווערט נישט גערעכנט א שבועה וואס מען מאכט אויף א מצוה.

תוספות אין מסכת שבועות (כג, ב ד"ה דמוקי) איז מחדש, אז די כלל פון 'מושבע ועומד מהר סיני' איז דוקא געזאגט געווארן אויף א מצות עשה אדער לא תעשה וואס שטייט בפירוש אין די תורה, אבער אזא סארט איסור וואס מען לערנט ארויס פון א 'לימוד' דארט זאגט מען נישט די כלל פון 'מושבע ועומד מהר סיני', ווי למשל די איסור פון 'חֵלֶב', ווען איינער מאכט א שבועה אז ער גייט עסן חלב און ער איז עובר און ער עסט נישט, גייט ער נישט עובר זיין אויף א שבועה, וויבאלד די שבועה האט נישט חל געווען, ווייל ער איז 'מושבע ועומד מהר סיני' אז ער מעג נישט עסן קיין חלב. מה שאין כן אויב איינער גייט מאכן א שבועה אז ער גייט נישט עסן א 'חצי שיעור' פון חלב, וואס די איסור פון חצי שיעור ביי חלב לערנט מען ארויס פון די פסוק (ויקרא ז, כג) כָּל חֵלֶב, און די ווארט 'כל' איז מרבה אז אפילו א 'חצי שיעור' של חלב איז אויך אסור צו עסן, אבער אפילו אזוי איז די שבועה וואס ער האט געמאכט 'חל' און אויב ער עסט נישט קיין חלב [וואס דעס מיז ער סיווי טוהן, ווייל ער מעג נישט עסן קיין חלב מדאורייתא], ווערט ער זיין חייב אויף די שבועה, און די טעם איז ווייל די איסור פון חצי שיעור ביי חלב לערנט מען ארויס פון א 'לימוד' פון די ווארט 'כל' דהיינו עס שטייט נישט בפירוש אין די תורה, וועגן דעם גייט עס נישט אריין אין די כלל פון 'מושבע ועומד מהר סיני'. און אזוי פסק'נט אויך דער רמב"ם אין הלכות שבועות (פרק ה, הלכה ז) וזה לשונו: "שבועה שלא אוכל כל שהוא מנבלות וטרפות ואכל פחות מכזית חייב בשבועה שהרי אינו מושבע על חצי שיעור מהר סיני".

נאך די הקדמה לאמיר לערנען די ווערטער פון דעם מנחת חינוך: **ואפשר לומר דזכירות יציאת מצרים בלילות כיון דלא דרשינן אלא מריבויא ד'כל', אם כן לא הוה אלא מדרשא, וחלה שבועה עליו אם נשבע שלא יזכור או שיזכור, אבל בליל ט"ו הוא עשה מפורשת במנין תרי"ג, אם כן אין חל שבועה אלא בכולל, ובשאר לילות כיון דהוי מריבויא ד'כל' הוי כמו חצי שיעור וחל שבועה עיין ר"מ פרק ה מהלכות שבועות** (הלכה ז) **ותוספות סוגיא דכולל** (שבועות כג, ב, ד"ה דמוקי) **והובא כמה פעמים בחיבור זה** - לפי דער תוספות און די רמב"ם אז די כלל אז הנשבע לבטל את המצוה אדער לקיים את המצוה גייט נאר אן אויף א מצוה וואס שטייט בפירוש אין די תורה, קען מען זייער שיין פארענטפערן פארוואס דער רמב"ם ברענגט נישט די פסוק פון 'למען תזכור' פאר די חיוב פון סיפור יציאת מצרים פסח ביינאכט, נאר ער ברענגט די פסוק פון 'זכור את היום הזה', וויבאלד די חיוב אז עס איז דא א חיוב 'יעדער נאכט' צו מזכיר זיין יציאת מצרים לערנט מען ארויס פון 'כל' ימי חייך, דהיינו מען לערנט עס ארויס פון א 'לימוד', און אויב וואלט פסח ביינאכט געווען די עצם חיוב פון סיפור יציאת מצרים [פאר איינער וואס קען נישט מקיים זיין די מצוה פון והגדת] פון די פסוק וואס מען האט א גאנץ יאר דהיינו פון 'למען תזכור... "כל" ימי חייך', וואלט אויסגעקומען ווען איינער מאכט א שבועה אז ער גייט נישט מקיים זיין די מצוה פון סיפור יציאת מצרים, גייט ער מיזן מקיים זיין די שבועה, און ער גייט נישט מקיים זיין די מצוה פון סיפור יציאת מצרים, וועגן דעם ברענגט דער רמב"ם די פסוק פון 'זכור את היום הזה', וואס דער פסוק גייט ארויף אויף 'פסח ביינאכט' אזוי ווי דער רמב"ם שרייבט, כדי צו לאזן הערן אז די חיוב פון סיפור יציאת מצרים איז א פסוק מפורש בתורה און מען לערנט עס נישט ארויס פון א 'לימוד', און אויב אזוי ווען איינער גייט מאכן א שבועה אז ער גייט נישט מקיים זיין די מצוה פון סיפור יציאת מצרים פסח ביינאכט, גייט די שבועה נישט חל זיין, און ער גייט זיין מחויב צו מקיים זיין די מצוה פון סיפור יציאת מצרים.

## קושית המנחת חינוך למה לא מצינו מצות זכירת יציאת מצרים 'ביום' 'ובלילה' כל השנה

נאכן מבאר זיין בטוב טעם ודעת די מצוה פון סיפור יציאת מצרים וואס יעדער איד האט פסח ביינאכט, קומט דער מנחת חינוך און פרעגט זייער א שטארקע קשיא. און כדי צו פארשטיין די קשיא דארף מען מקדים זיין. ווי מען האלט יעצט איז דא 'דריי' פסוקים אויף די מצוה פון סיפור יציאת מצרים. פסוק א - 'זָכוֹר אֶת הַיּוֹם הַזֶּה אֲשֶׁר יְצָאתֶם מִמִּצְרַיִם' - וואס די פסוק גייט ארויף א 'פסח ביינאכט'. פסוק ב - 'וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמֹר בַּעֲבוּר זֶה עָשָׂה ה' לִי בְּצֵאתִי מִמִּצְרָיִם' - וואס גייט אויך ארויף אויף 'פסח ביינאכט' [להגיד לאחר]. פסוק ג - 'לְמַעַן תִּזְכֹּר אֶת יוֹם צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ' - וואס ווי מען האט געלערנט ביז יעצט קומט די ווארט 'כל' פון די פסוק מרבה זיין אז עס איז דא חיוב פון זכירת יציאת מצרים יעדער 'נאכט'. אבער פון איין זאך האט מען פארגעסן אז די ווארט 'כל' קומט טאקע מרבה זיין די 'לילות', אבער דעס איז פשוט אז 'ביום' דהיינו בייטאג איז כולי עלמא מודי אז עס איז דא א חיוב פון זכירת יציאת מצרים ווייל אויף דעם קריגט זיך קיינער נישט אז די פסוק 'לְמַעַן תִּזְכֹּר אֶת יוֹם צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם' איז א מצות עשה וואס מען דארף מקיים זיין א יעדעם טאג, לפי זה קומט דער מנחת חינוך און פרעגט: **אך באמת לפי זה זכירת יציאת מצרים ביום הוי עשה** - דהיינו דעס איז כולי עלמא מודי אז 'ביום' איז דא א חיוב פון זכירת יציאת מצרים, **ולא מצאתי לרמב"ם והרב המחבר ומוני המצות שימנו למצות עשה זכירת יציאת מצרים בשום פעם** - אבער אז מען קוקט אריין אין די רמב"ם און אין דעם ספר החינוך און די אנדערע ספרי מוני המצות, דערמאנט נישט קיינער אז עס איז דא א מצות עשה פון זכירת יציאת מצרים ביום, **עיין** - און קוקט אריין אין רמב"ם אין **הלכות קריאת שמע** (פרק א, הלכה ג) **כָּלַל יציאת מצרים במצות עשה דקריאת שמע** - דהיינו, דער רמב"ם רעכנט נישט אויס די מצוה פון 'זכירת יציאת מצרים' א גאנץ יאר פאר א באזונערע מצוה, נאר ער איז עס כולל אין די מצות עשה פון קריאת, און ווי דער מב"ם שרייבט דארט: "קריאת שמע מצוה עשה אחת והיא לקרות שמע פַּעֲמַיִם ביום... ומה הוא קורא? שלש פרשיות, אלו הן: שמע, והיה אם שמוע, ויאמר, מפני שיש בה זכרון יציאת מצרים ומצוה להזכיר יציאת מצרים ביום ובלילה שנאמר למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך", זעהט מען ווי דער רמב"ם איז כולל די מצוה פון 'זכירת יציאת מצרים' און די 'מצוה עשה אחת' פון קריאת שמע, **רק ליל ט"ו מנאו למצוה בפני עצמו** - און נאר פסח ביינאכט שרייבט דער רמב"ם אז עס איז דא א מצות עשה פון סיפור יציאת מצרים, **וצריך עיון למה כיון דילפינן מקרא למה לא נמנה למצוה ככל המצות** - און לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס שרייבט נישט דער רמב"ם אז א

גאנץ יאר איז אויך דא א מצות עשה פון זכירת יציאת מצרים סיי ביום [וואס שטייט בפירוש אין פסוק] און סיי ביינאכט [וואס מען לערנט ארויס פון 'כל']?

**ומצאתי בפרי מגדים בפתיחה הכוללת הלכות קריאת שמע כתב ככל מה שכתבתי** - דהיינו דער פרי מגדים פרעגט אויך די קשיא 'פארוואס זאגט נישט דער רמב"ם אז עס איז דא א מצות עשה נפרדת פון זכירת יציאת מצרים כל השנה בין ביום ובין בלילה'?

### תירוצו של הצל"ח למה לא מנה הרמב"ם מצות זכירת יציאת מצרים 'ביום' 'ובלילה' כל השנה

**וגם בצל"ח ברכות** (יב, ד"ה מזכירין) **הקשה זה למה לא מנו מוני המצות זכירת יציאת מצרים בכל יום למצות עשה בפני עצמה** - און אזוי אויך פרעגט דער צל"ח די קשיא, און ווי די צל"ח שרייבט דארט: **ואמנם מה דתמיה לי טובא הוא, דעל כל פנים לכולי עלמא מצוה לזכור יציאת מצרים בכל יום, למר ביום ולמר בין ביום ובין בלילה, וזהו מלבד סיפור יציאת מצרים בליל פסח שזה נפקא לן מוהגדת לבנך ביום ההוא, ואין זה מצוה בכל יום רק בליל פסח בשעה שמצה ומרור מונחים לפניך, וזה נפקא לן מלמען תזכור וגו' כל ימי חייך ונוהג בכל יום. ולפ"ז קשה לי בדברי הרמב"ם שכתב בתחלת הלכות ק"ש שהיא מצוה אחת, ובהלכה ג' כתב וקריאת שלש פרשיות הללו היא הנקראת ק"ש, וא"כ יש כאן שתי מצות מצוה קריאת פרשת שמע והיה אם שמוע דכתיב בשכבך ובקומך ומצות זכירת יציאת מצרים, וכן במנין המצות של רבינו מנה מצוה קנ"ז מצוה לספר ביציאת מצרים בליל של פסח שנאמר והגדת לבנך וגו', ומצות זכירת יציאת מצרים בכל יום שהיא מצות למען תזכור לא מנה כלל, וכעת לא ידעתי טעם לזה, ולא ראיתי למפרשי דבריו שנתעוררו בזה, וגם הסמ"ג והרמב"ן לא הזכירו מצוה זו.**

**וכתב** - און דער צל"ח ענטפערט אויף די קשיא: **דנפקא מפסוק למען תזכור ולא נאמר בלשון ציוי זכור אלא קאי אדלעיל לאכול פסח ומצה שעל ידי זה תזכור, אף דממילא שמעינן דמצוה לזכור מכל מקום אין נמנה למצוה בפני עמצה עיי"ש** - פירוש: דער צל"ח ענטפערט דארט אויף די קשיא, בזה הלשון: **ונתתי לבי לדבר זה והדרנא בי ויפה כיוונו שלא מנו מצוה זו במנין המצות, כיון שלא נאמרה מצוה זו בלשון צווי, דאם היה כתיב זכור את יום צאתך וגו' היתה נחשבת מצוה לעצמה, אבל כיון דכתיב למען תזכור וגו' אדלעיל קאי, ונתינת טעם הוא למה דכתיב לעיל מיניה מצות אכילת פסח ואכילת מצה, ונתן טעם שע"י זה תזכור את יום צאתך וגו'** - פירוש: דער צל"ח איז מחדש אז די פסוק פון 'למען תזכור' שטייט אין די תורה נאך וואס די תורה זאגט דארט די חיוב פון עסן די קרבן פסח און עסן מצה, אזוי ווי די פסוק זאגט: (דברים טז, ב - ג) וְזָבַחְתָּ פֶּסַח לַה' אֱלֹהֶיךָ צֹאן וּבָקָר בַּמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחַר ה' לְשַׁכֵּן שְׁמוֹ שָׁם: לֹא תֹאכַל עָלָיו חָמֵץ שִׁבְעַת יָמִים תֹּאכַל עָלָיו מַצּוֹת לֶחֶם עֹנִי כִּי בְחִפָּזוֹן יָצָאתָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם, און די פסוק איז מסיים: 'לְמַעַן תִּזְכֹּר אֶת יוֹם צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ' און אויב אזוי קומט אויס אז די פסוק פון 'למען תזכור' שטייט נישט 'בלשון צווי', נאר עס שטייט 'בלשון נתינת טעם'. דהיינו בשלמא אויב עס וואלט געשטאנען אין פסוק 'זכור את יום צאתך מארץ מצרים', וואלט מען געזאגט אז עס איז א מצות עשה גמירה אין די תורה, אבער וויבאלד עס שטייט בלשון 'נתינת טעם', וועגן דעם קען מען נישט זאגן אז עס איז א נייער מצות עשה אין די תורה וואס איז א חלק פון די תרי"ג מצות, נאר מען זאגט אז עס איז טאקע דא א חיוב צו דערמאנען יציאת מצרים א גאנץ יאר בין ביום ובין בלילה, אבער עס ווערט נישט גערעכנט ווי איינער פון די מצות פון די תרי"ג מצות, נאר די מצוה איז א חלק פון קריאת שמע ווי דער רמב"ם שרייבט. און דעס איז די טעם פארוואס די מוני המצות רעכן נישט אויס די חיוב פון זכירת מצרים א גאנץ יאר, ווייל די לשון וואס די תורה שרייבט די מצוה 'בדרך נתינת טעם' איז מוכח אז די מצוה איז נישט קיין חלק פון די רמ"ח מצות עשה פון די תורה.

### קושית המנחת חינוך על תירוצו של הצל"ח

קומט אבער דער מנחת חינוך און פרעגט: **ולכאורה קשה למה לא נפקי להו לרבותינו מפסוק זה בפרשה דכתיב זכור את היום והוא בדרך צווי** - פירוש: דער צל"ח ענטפערט זייער שיין טאקע אז די טעם פארוואס די מוני המצוות רעכנען נישט אויס פאר אן עקסטערע מצות עשה די חיוב פון זכירת יציאת מצרים א גאנץ יאר, איז וויבאלד די חיוב שטיי נישט בלשון 'צווי' נאר עס שטייט בלשון 'נתינת טעם', אבער לכאורה איז שווער פארוואס טאקע האבן די חכמים נישט ארויס געלערנט אז עס איז דא א עקסטערע מצות עשה אין די תורה פון זכירת יציאת מצרים פון די פסוק פון זָכוֹר אֶת הַיּוֹם הַזֶּה אֲשֶׁר יְצָאתֶם מִמִּצְרַיִם וכו' (שמות יג, ג), וואס דא שטייט דאך עס יא אין פסוק 'בלשון צווי'?

### תירוצו של המנחת חינוך על קושיא זו

**וצריך לומר** - און מכח די קשיא מיז מען על כרחך זאגן: **דקים להו** - אז די חכמים האט געהאט מקבל געוועהן **דפסוק זה** - אז די פסוק פון 'זכור את היום הזה' **מיירי מליל ט"ו** - גייט ארויף נאר אויף פסח ביינאכט, **כמבואר כאן ברמב"ם ומכילתא** - אזוי ווי דער רמב"ם שרייבט דא בפירוש ביי די מצוה פון סיפור יציאת מצרים בליל פסח, וואס די מקור פון דער רמב"ם איז א מכילתא אין פרשת בא (יג, ג), און אויב אזוי קען מען נישט ניצן די פסוק פאר א עקסטערע מצות עשה פון זכירת יציאת מצרים א גאנץ יאר, און אויב אזוי בלייבט אז די אייצינגסטע מקור פאר די מצוה פון זכירת יציאת מצרים איז פון די פסוק 'לְמַעַן תִּזְכֹּר אֶת יוֹם צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ', וואס די פסוק וויבאלד עס שטייט בלשון נתינת טעם ווערט עס נישט גערעכנט פאר א נייע מצות עשה.

זאגט דער מנחת חינוך: **ואין המכילתא תחת ידי** - איך האב נישט די מכילתא פאר מיר צו זעהן ווי אזוי די מכילתא לערנט אפ די פסוק פון 'זכור את היום הזה', אבער ווי עס קוקט אויס פון דעם וואס דער רמב"ם זאגט אז די פסוק גייט ארויף אויף פסח ביינאכט, און אזוי אויך פון דעם וואס מען רעכנט נישט די מצוה פון זכירת יציאת מצרים א גאנץ יאר פאר א עקסטערע מצות עשה, איז על כרחך גייט די פסוק פון 'זכור את היום הזה' ארויף אויף פסח ביינאכט, און ווי דער רמב"ם שרייבט.

### קושית המנחת חינוך על רש"י לפי מה שכתב שהפסוק 'זכור את היום' קאי רק על ליל פסח

נאכן מבאר זיין בטוב טעם אז די פסוק פון 'זכור את היום הזה' גייט ארויף נאר אויף פסח ביינאכט, קומט דער מנחת חינוך און פרעגט: **וראיתי לרש"י בחומש על פסוק זכור את היום הזה** (שמות יג, ג) **וזה לשונו: "למד שמזכירין יציאת מצרים בלילה בכל יום"** - פירוש: רש"י על התורה זאגט אז די פסוק פון 'זכור את היום הזה' קומט צו לערנען אז עס איז דא א מצות עשה 'יעדען טאג' פון זכירת יציאת מצרים, **וזה צריך עיון** - און די ווערטער פון רש"י איז זייער שווער צו פארשטיין, **דחז"ל למדו מקרא ד'למען'**

**המאוחר בתורה ולא מפסוק זה** - אין די גמרא אין מסכת ברכות (יב, ב) לערנען דאך די חכמים ארויס אז די חיוב פון זכירת יציאת מצרים א גאנץ יאר איז פון די פסוק 'למען תזכור', און נישט פון די פסוק 'זכור את היום הזה', **ובודאי היה קבלה בידם** - און זיכער האבן די חכמים געהאט בקבלה אז די מצוה פון זכירת יציאת מצרים איז דייקא פון די פסוק 'למען תזכור' און נישט פון 'זכור את היום הזה', און אויב אזוי איז שווער: **ולמה מביא רש"י דרשה זו על כל יום, כיון דבמכילתא מבואר דקרא זה לא קאי אלא על ליל ט"ו וצריך עיון** - פירוש: ווי מען האט געזעהן ביז יעצט, זאגט דאך דער רמב"ם און אזוי אויך אין מכילתא, אז די פסוק פון 'זכור את היום הזה' גייט ארויף נאר אויף פסח ביינאכט, און עס איז נישט קיין מקור אויף זכירת יציאת מצרים א גאנץ יאר, איז פארוואס שרייבט רש"י אז די פסוק פון זכור את היום איז די מקור אויף די חיוב פון זכירת יציאת מצרים א גאנץ יאר?

**שוב בא לידי מזרחי על רש"י כתב שרש"י למד זה ממלת זכור שהוא לשון הווה, תהיה זוכר זה תמיד כי זכור על משקל וכו'** - פירוש: דער מזרחי אין זיין פירוש אויף רש"י דארט, איז מסביר פון ווי נעמט רש"י אז די פסוק פון 'זכור את היום הזה' איז די מקור אויף די מצות עשה פון זכירת יציאת מצרים א גאנץ איר, ווייל די לשון 'זכור' איז א לשון הווה, דהיינו, 'די זאלסט אייביג געדענקען', און אויב אזוי שטייט דא אין פסוק א חיוב אז מען דארף אייביג - דהיינו, א גאנץ יאר - געדענקען די נסים פון יציאת מצרים.

זאגט אבער דער מנחת חינוך: **ובעיני יפלא כיון דבש"ס דילן לא יליף על הזכרה בכל יום רק מלמען תזכור, וגם הר"מ שהביא המכילתא מבואר דזכור קאי רק על ליל ט"ו** - פירוש: אה"נ די פשט פון די מזרחי איז זייער שיין, אבער בפשטות פון די גמרא און פון די מכילתא און פון דער רמב"ם קומט אויס אז די פסוק פון 'זכור את היום הזה' גייט ארויף נאר אויף ליל פסח, און נישט אויף א גאנץ יאר.

און דער מנחת חינוך איז מוסיף נאך א געוואלדיגע ראיה, אז די פסוק פון 'זכור את היום הזה' איז נישט אויף די חיוב פון זכירת יציאת מצרים א גאנץ יאר: **וגם מפסוק זה ממילא שמעינן דבלילה גם כן מזכירין ורבי אלעזר בן עזריה אמר לא זכיתי שתאמר יציאת מצרים בלילות, עד שדרשה בן זומא מ'כל ימי' לרבות הלילות, על כרחך כולהו סבירא להו דמפסוק הזה לא נלמד רק לליל פסח אבל לא על כל ימות השנה לא כרש"י ז"ל** - פירוש: רבי אלעזר בן עזריה זאגט אז ער האט נישט געטראפן קיין שום מקור אז די מצוה פון זכירת יציאת מצרים איז אויך 'בלילה' ביז בן זומא איז געקומען און ער האט גע'דרש'נט די פסוק פון 'למען תזכור... "כל" ימי חייך' אז עס קומט מרבה זיין די 'לילות'. זאגט די מנחת חינוך אויב איז אמת וואס רש"י זאגט אז די מקור פון זכירת יציאת מצרים א גאנץ יאר איז פון די פסוק 'זכור את היום הזה', איז פארוואס זוכט רבי אלעזר בן עזריה א מקור אויף זכירת יציאת מצרים בלילה, דא אין די פסוק שטייט דאך 'זכור את היום הזה' וואס איז סיי ביום און סיי בלילה? נאר על כרחך זעהט מען פון דעם, אז די חכמים אין די גמרא האבן געהאלטן אז די פסוק פון 'זכור את היום הזה' רעדט נישט פון א גאנץ יאר נאר עס גייט ארויף נאר אויף פסח ביינאכט, אזוי ווי דער רמב"ם און די מכילתא זאגן, און די מקור פון זכירת יציאת מצרים א גאנץ יאר איז פון די פסוק 'למען תזכור', און וועגן דעם איז בן זומא טאקע מרבה פון די פסוק 'למען תזכור' וואס דארט שטייט 'כל ימי חייך' אז די חיוב איז אויך בלילה. און דער מנחת חינוך איז מסיים זיין קשיא: **וצריך עיון מאוד** - דהיינו עס איז זייער שווער אויף רש"י וואס שרייבט אז 'זכור את היום הזה' גייט ארויף אויף די חיוב פון זכירת יציאת מצרים א גאנץ יאר.

[להערה בעלמא: די אחרונים פארענטפערן די קשיא פון דער מנחת חינוך אויף רש"י פון דעם וואס דער מנחת שרייבט אליין 'ואין המכילתא תחת ידי'. דהיינו, פון די גמרא אין ברכות און פון די רמב"ם קומט טאקע אויס קלאר אז די פסוק פון 'זכור את היום' גייט ארויף אויף פסח ביינאכט, און די מקור פון זכירת יציאת מצרים א גאנץ יאר איז פון 'למען תזכור'. אבער אין די מכילתא אליין איז יא משמע אזוי ווי רש"י, וזה לשון המכילתא: זכור את היום הזה אשר יצאתם ממצרים - אין לי אלא שמזכירים יציאת מצרים בימים, בלילות מנין? שנאמר 'למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך, ימי חייך הימים 'כל ימי חייך' הלילות כדברי בן זומא. ע"כ. איז משמע פון די מכילתא אז די מקור אויף זכירת יציאת מצרים א גאנץ יאר [ביום] איז יא פון די פסוק 'זכור את היום הזה'. והרבה יש לעיין בזה, ועכשיו די בזה].

## סיכום של המנחת חינוך

קומט דער מנחת חינוך און מאכט א סך הכל אויף וואס ער האט געשריבן ביז יעצט, אויף די מצוה פון סיפור יציאת מצרים פסח ביינאכט: **על כל פנים במצוה דאנן בה:**

1. **דבליל חמשה עשר הוא מצות עשה מן התורה לכל אחד מישראל להזכיר** - דהיינו, עס איז דא א חיוב אויף יעדער איד פון כלל ישראל צו עוסק זיין אין די סיפור פון יציאת מצרים פסח ביינאכט [און דעס לערנט מען ארויס פון די פסוק 'זכור את היום הזה']

2. **וגם להגיד לבניו או לאחר אם יש עמו** - און אזוי אויך איז דא א חיוב צו פארציילן די מעשה פון יציאת מצרים פאר די קינדער אדער פאר דער וואס זיצט ביי דיר ביים סדר. [און דעס לערנט מען ארויס פון 'והגדת לבנך']

3. **וגם אפשר לסדר קצת באריכות נסים ונפלאות** - און אזוי אויך איז דא א חיוב 'מדרבנן' צו 'מרבה' זיין אין 'סיפור' יציאת מצרים פסח ביינאכט [לעומת יעדער נאכט וואס הזכרה אליין איז גענוג]

**ועיין פרי מגדים הלכות פסח** (אשל אברהם סימן תפה, סק"א) - ווי די פרי מגדים איז מאריך מיט נאך דינים וואס איז שייך פאר די מצוה פון סיפור יציאת מצרים.

## משך זמן המצוה של סיפור יציאת מצרים

הקדמה: אין מסכת פסחים (קכ, ב) איז דא א מחלוקת ביז ווען מעג מען עסן די קרבן פסח, רבי אלעזר בן עזריה האלט אז ביז חצות, און רבי עקיבא האלט אז ביז די עלות השחר. די זעלבע מחלוקת איז אויך דא לגבי די אנדערע מצות פסח ביינאכט דהיינו די מצוה פון עסן מצה און די מצוה פון עסן מרור, איז לויט רבי אלעזר בן עזריה מעג מען עסן מצה און מרור נאר ביז חצות, און לויט רבי עקיבא קען מען עסן די מצות און די מרור ביזן עלות. להלכה קריגן זיך די ראשונים ווי וועמען מען פסק'נט דער רמב"ם האלט (הלכות חמץ ומצה פרק ו, הלכה א) אז מען קען עסן מצה ומרור ביזן עלות, און דער רשב"א רא"ש און דער ר"ן האלטן אז מען דארף מחמיר זיין אין עסן די מצה און מרור ביז חצות. לפי זה קומט דער מנחת חינוך און שרייבט:

**והנה להרמב"ם דפוסק דאכילת מצה כל הלילה** - לויט דער רמב"ם וואס האלט אז מען קען עסן מצה א גאנצע נאכט, **ודאי מצוה זו כל הלילה** - וועט די מצוה פון סיפור יציאת מצרים אויך זיין א גאנצע נאכט, דהיינו מען קען א גאנצע נאכט יוצא זיין די מצוה [אפילו אויב איינער האט נישט מקיים געוועהן די מצוה פאר חצות, קען ער נאך אלץ יוצא זיין די מצוה מיטן פארציילן די נסים פון מצרים נאך חצות], און די טעם איז: **דקרינן** - ווייל עס שטייט אין

מכילתא אז די מצוה פון סיפור יציאת מצרים איז געזאגט געווארן: **בזמן שיש מצה ומרור מונחים היינו בזמן שמצווים על מצה ומרור דזה פשוט דמצה ומרור אינו מעכב הסיפור, ולא מצינו זה - דמצוה זו יהיה תלוי במצה ומרור, אך דהתורה קבעה זמן ליל חמשה עשר דמצווים על מצה, אם כן כל הלילה מחויב במצוה זו** - פירוש: די מכילתא זאגט אז די מצוה פון סיפור יציאת מצרים איז 'בזמן שיש מצה ומרור מונחים', און מען וואלט געקענט מיינען אז די כונה פון די מכילתא איז אז די מצוה פון סיפור יציאת מצרים גייט נאר אן ווען איינער האט 'מצה און מרור אויף זיין טיש', אבער אזוי צו לערנן איז א גרויסע חידוש ווייל מען טרעפט נישט אויף קיין שום פלאץ אז די מצוה פון סיפור יציאת מצרים גייט אן דוקא פאר איינער וואס האט מצה און מרור, ומכלל זה גייסטו וועלן זאגן אז אויב איינער האט נישט קיין מצה ומרור איז ער פטור פון סיפור יציאת מצרים, איז על כרחך דארף מען זאגן אז די פשט פון די מכילתא איז אז די מצוה פון סיפור יציאת מצרים איז תלוי אין די 'זמן' פון מצה ומרור, דהיינו און די זמן וואס מען קען עסן מצה ומרור דעמאלטס קען מען אויך יוצא זיין די מצוה פון סיפור יציאת מצרים, און אויב אזוי לפי הרמב"ם וואס האלט אז מען קען יוצא זיין די מצוה פון אכילת מצה ומרור ביזן עלות, איז הוא הדין די מצוה פון סיפור יציאת מצרים איז אויך ביזן עלות.

**אבל לשיטת הפוסקים שפסקו כרבי אלעזר בן עזריה וכרבא דאכל מצה אחר חצות לא יצא ידי חובתו, אם כן מצוה זו גם כן עד חצות דהוי בזמן שיש מצה, אבל לאחר חצות הוי כמו כל השנה וכל הפסח דאין עליו חיוב מצות עשה זו** - פירוש: לפי די ראשונים וואס פסק'נען אז מען קען נאר יוצא זיין מצוה ומרור ביז חצות, זיי וועלן האלטן אז די מצוה פון סיפור יציאת מצרים וועט אויך זיין נאר ביז חצות, ווייל די 'זמן' פון סיפור יציאת מצרים איז תלוי אין די 'זמן' פון מצה ומרור.

לייגט אבער דער מנחת חינוך צו, אז אפילו די מצוה פון סיפור יציאת מצרים איז נאר ביז חצות, דעס איז נאר לגבי די מצוה פון סיפור יציאת מצרים בליל הפסח, אבער יעדער נאכט איז דאך סייווי דא א חיוב פון זכירת יציאת מצרים, איז דער חיוב בלייבט נאך אלץ אפילו נאך חצות, ווייל דעס איז נישט תלוי אין די מצוה פון פסח ביינאכט, נאר עס איז א מצוה וואס איז שייך א גאנץ יאר אין 'אויך' פסח ביינאכט. איז אין הכי נמי אויב איינער גייט מקיים זיין די מצוה פון סיפור יציאת מצרים פאר חצות, גייט ער יוצא זייןביידע חיובים, סיי די חיוב פון א גאנץ יאר און סיי די חיוב פון פסח ביינאכט, אבער אויב איינער האט נישט אנגעיאגט צו צו מקיים זיין די מצוה פון סיפור יציאת מצרים פאר חצות, אפילו אזוי האט ער נאך די חיוב פון זכירת יציאת מצרים וואס איז דא א יעדער נאכט פון די יאר.

**ועיין בראשונים החמירו לומר הלל קודם חצות** - פירוש: די ראשונים (עי' רשב"א ברכות דף ט, א ד"ה וכיון, ור"ן בפסחים דף כז, ב מדפי הרי"ף ד"ה וגרסינן) **וואס** פסק'נען אזוי ווי רבי אלעזר בן עזריה, און לויט זיי איז דא חיוב צו זאגן די הגדה - דהיינו סיפור יציאת מצרים - פאר חצות, זיי זענען אויך מחמיר אז מען דארף זאגן 'הלל' פאר חצות **ואפילו להתוספות מגילה כ"א** (עמוד א, ד"ה לאתויי) **שכתבו דאין להחמיר בהלל כיון דהוא דרבנן** - פירוש: תוספות זאגט אין מסכת מגילה אז לויט רבי אלעזר בן עזריה אז די מצוה פון מצוה מרור, וסיפור יציאת מצרים איז ביז חצות, איז די דין אבער אז: "הלל של אחר אפיקומן אין להחמיר כל כך שהרי מדרבנן הוא" - דהיינו די הלל וואס מען זאגט נאכ'ן עסן די אפיקומן דארף מען נישט מחמיר זיין צו זאגן פאר חצות, ווייל עס איז נאר מדרבנן, זאגט דער מנחת חינוך: **היינו בסיפר יציאת מצרים** - דעס אז די הלל איז נאר מדרבנן, רעדט מען אז מען האט שוין פארציילט די נסים פון יציאת מצרים, **רק ההלל** - און נאר הלל האט ער נאך נישט געזאגט, **בודאי הוא דרבנן** - דעמאלטס איז פשוט אז די הלל איז נאר מדרבנן, **אבל זה פשוט לרבי אלעזר בן עזריה אחר חצות, כיון דאין נוהג מצות מצה הכי**

**נמי אינו חייב במצוה זו** - דהיינו, אזוי ווי דער מנחת חינוך האט שוין אויבן געשריבן, אז לויט רבי אלעזר בן עזריה איז מען נישט יוצא די מצוה פון סיפור יציאת מצרים נאך חצות, **רק אם לא הזכיר כלל חיוב עליו להזכיר כמו בשאר לילות אבל לא מחמת מצות עשה זו, וזה פשוט. וגם אם איחר לא קיים המצוה לרבי אלעזר בן עזריה, וזה פשוט.**

### נשבע לבטל את המצוה אצל מצות סיפור יציאת מצרים בליל פסח

**ולפי מה שכתבתי דתמיד חל שבועה על יציאת מצרים בלילה כיון דלא מפורש רק ממדרש, עיין רמב"ם** (הלכות שבועות פרק ה הלכה ז, והלכה יד) **ויורה דעה סימן רל"ו** (סעיף ב בהגהה) **רל"ט** (סעיף ו) **ועל לילה זו לא חל השבועה אם נשבע שלא יספר ביציאת מצרים בלילה זו כמו נשבע שלא יאכל מצה** - פירוש: דער מנחת חינוך וויל שרייבן א חידוש וואס קומט אויס ביי 'נשבע לבטל את מצות סיפור יציאת מצרים פסח ביינאכט', און ער מאכט א קורצע חזרה וואס ער האט שוין געשריבן, אז אויב איינער גייט מאכן א שבועה נישט צו מקיים זיין די מצוה פון סיפור יציאת מצרים יעדער נאכט פון די יאר, גייט די שבועה חל זמן, ווייל די לימוד פון ווי מען לערנט ארויס אז 'מזכירין יציאת מצרים בלילה' לערנט מען ארויס פון א 'לימוד' - 'כל ימי חייך' און עס שטייט נישט בפירוש אין די תורה, און אויף אזא פאל איז א שבועה יא חל אפילו אויף א מצוה, מה שאין כן די מצוה פון סיפור יציאת מצרים וואס שטייט בפירוש אין פסוק 'זכור את היום הזה', דא גייט א שבועה נישט חל זיין און ער גייט זיין מחיוב צו מקיים זיין די מצוה פון סיפור יציאת מצרים, און ער גייט נישט עובר זיין אויף א שבועה.

לפי זה זאגט דער מנחת חינוך: **ולכאורה אפשר אם נשבע סתם שלא יזכור יציאת מצרים בלילה זו, כיון דחל על החיוב שיש בזו הלילה כמו בכל הלילות, אם כן חל גם כן על החיוב הפרטי, מכח כולל** - פירוש: ביי הלכות שבועות איז דא די באוויסטע כלל פון 'כולל', דהיינו ווען איינער מאכט א א שבועה אז ער גייט נישט עסן קיין ברויט היינט, און שפעטער מאכט ער א שבועה אז ער גייט 'גארנישט' עסן היינט, איז אויב גייט דער מענטש און ער עסט בשוגג ברויט דארף ער ברענגן 'צוויי חטאות', אפילו די כלל איז נארמאל אז 'אין שבועה חלה על השבועה', דהיינו מען קען נישט מאכן נאך א שבועה אויף א שבועה וואס מען האט שוין געמאכט, אפילו אזוי אויב איז די צווייטע שבועה 'כולל' מער פון די ערשטע, אזוי ווי דא אז ביי די צווייטע שבועה האט ער כולל געווען אלע עסן און נישט נאר ברויט, איז די שבועה חל, און אויב מען עסט ברויט בשוגג דארף מען ברענגן צוויי חטאות.

זאגט דער מנחת חינוך א כאפ פון א חידוש, ווען א מענטש גייט מאכן א שבועה אז ער גייט נישט מקיים זיין פסח ביינאכט די מצוה פון סיפור יציאת מצרים - אבער ער גייט נישט זאגן 'וועלכע' מצוה פון סיפור יציאת מצרים, צו די מצוה פון א גאנץ יאר [וואס אויף דעם קען מען מאכן א שבועה] אדער אויף די מצוה פון 'פסח ביינאכט [וואס אויף דעם קען מען נישט מאכן א שבועה], וועט לכאורה זיין די הלכה אז די שבועה גייט חל זיין 'אפילו אויף די מצוה פון פסח ביינאכט', ווייל מען גייט דא זאגן די כלל פון 'כולל', דהיינו פונקט ווי די שבועה איז חל אויף די מצוה פון סיפור יציאת מצרים א גאנץ יאר, אזוי אויך איז דא אויך חל די שבועה אויף די מצוה פון פסח ביינאכט, ווייל די שבועה איז נישט געמאכט דיירעקט צו די מצוה פון פסח ביינאכט, וואס דעמאלטס וואלט טאקע די שבועה נישט געהאלפן, אבער מיט די כלל פון כולל וועט יא די שבועה חל זיין.

זאגט אבער דער מנחת חינוך: **אך דלא משכח רווחא כלל לחול כיון דאם יזכור קצת יוצא ואם לא יזכור כלל לא שייך כולל, עיין יורה דעה** (סימן רל"ח

סעיף יב - יג) **ושבועות** (כח, ב) **גבי תנא עיפא** - פירוש: די כלל פון 'כולל' איז געזאגט געווארן דוקא אויף א אופן ווי די די שבועה וואס גייט 'כולל זיין' ברעגנט עפעס מער צום טיש, אזוי ווי די משל וואס מען האט געשריבן אויבן, אז ביי די צווייטע שבועה לייגט ער צו אז ער גייט 'גארנישט' עסן א גאנצן טאג, דעמאלטס איז די שבועה חל אפילו אויף ברויט, ווייל ביי די צווייטע שבועה אסר'ט ער אויף זיך אלע עסן, מה שאין כן ווען די צווייטע שבועה איז גארנישט מוסיף איז די שבועה נישט חל. און ווי די גמרא פארציילט אין מסכת שבועות (כח, ב): 'עיפא' תני שבועות בי רבה - דער אמורא 'עיפא' האט געלערנט מסכת שבועות אין די בית מדרש פון רבה, פגע ביה אבימי אחוה - און עיפא האט געטראפן דארטן זיין ברידער 'אבימי', אמר ליה - האט 'אבימי' געפרעגט פון 'עיפא': שבועה שלא אוכל תשע ועשר מהו - פירוש: איינער מאכט א שבועה אז ער גייט נישט עסן 9 תאנים, און שפעטער מאכט ער א שבועה אז ער גייט נישט עסן 10 תאנים, און צום סוף האט ער געגעסן בשוגג 10 תאנים וואס איז די הלכה, צו דען דארף ער ברענגען צוויי חטאות אויף די צוויי שבועות וואס ער האט געמאכט? האט עיפא געענטפערט פאר אבימי: חייב על כל אחת ואחת - דהיינו, ער איז חייב צוויי קרבנות ווייל די צווייטע שבועה האט חל געווען. אמר ליה - האט אבימי געזאגט פאר עיפא, אישתבשת - די האסט געמאכט א טעות, אי תשע לא אכיל, עשר לא אכיל - פירוש: ברגע וואס איינער מאכט א שבועה אז ער גייט נישט עסן קיין 9 תאנים, איז דאך אין דער שבועה אויך דא אז ער גייט נישט עסן קיין 10 תאנים, ווייל די צענטע תאנה קען מען נאר עסן ווען מען עסט ניין קודם, און אויב אזוי ווען ער מאכט נאכדעם א שבועה אז ער גייט נישט עסן 10 תאנים, לייגט די צווייטע שבועה גארנישט צו, ווייל אין די ערשטע שבועה איז שוין געווען אויך אז ער גייט נישט עסן 10.

לפי זה זאגט דער מנחת חינוך אז די זעלבע זאך וועט זיין ווען איינער מאכט א שבועה אז פסח ביינאכט גייט ער נישט מקיים זיין די מצוה פון סיפור יציאת מצרים גייט די שבועה נישט חל זיין, ווייל די שבועה וואס ער מאכט אויף די מצוה פון זכירת יציאת מצרים א גאנץ יאר איז גארנישט מער כולל אין זיך ווי די מצוה פון פסח ביינאכט. ווייל ביידע מצות איז שייך א גאנצע נאכט [לפי שיטת רבי עקיבא, וכדפסק הרמב"ם], און אזוי אויך איז מען ביידע יוצא נאר מיט זכירה [רק יש ענין מדרבנן להאריך בסיפור בליל פסח], און אויב אזוי, אויף אזא אופן ארבעט נישט די כלל פון כולל, און די שבועה גייט נישט חל זיין.

זאגט אבער דער מנחת חינוך, אז דעס אלעס איז נאר לשיטת רבי עקיבא וואס האלט אז די מצוה פון סיפור יציאת מצרים איז א גאנצע נאכט, **אך לרבי אלעזר בן עזריה חל בכולל, לאחר חצות דחייל עליו דאז אינו מצוה רק ככל הלילות** - פירוש: לויט רבי אלעזר בן עזריה [והראשונים שפסקו כוותיה] וועט די שבועה יא חל זיין מכח די כלל פון כולל, וויבאלד, די מצוה פון סיפור יציאת מצרים פסח ביינאכט, איז נאר ביז חצות, און די מצוה פון זכירת יציאת מצרים א גאנץ יאר איז א גאנצע נאכט, און אויב אזוי ווען איינער מאכט א שבועה אז ער גייט נישט מקיים זיין די מצוה פון זכירת יציאת מצרים פסח ביינאכט, איז די שבועה חל מכח די כלל פון 'כולל', ווייל אויף די מצוה פון זכירת יציאת מצרים ['נאך חצות'] איז די שבועה חל, ווייל די מקור פון דעם איז דאך נאר א 'לימוד', און איינמאל עס איז חל אויף די מצוה פון זכירת יציאת מצרים, איז עס אויך חל אויף די מצוה פון סיפור יציאת מצרים פון פסח ביינאכט!

נאכן מחדש זיין די הפלא'דיגע חידוש, אז לפי רבי עקיבא גייט נישט ארבעטן די שבועה מיט די כלל פון 'כולל', און לויט רבי אלעזר בן עזריה יא, קומט דער מנחת חינוך און שרייבט, אז נישט אייביג גייט די שבועה חל זיין אפילו לויט רבי אלעזר בן עזריה, און נישט אייביג גייט די שבועה 'נישט' חל זיין לויט רבי עקיבא.

**אך אם נשבע רק עד חצות לא חל** - דהיינו, לפי שיטת רבי אלעזר בן עזריה גייט די שבועה נאר חל זיין אויב ער מאכט זיין שבועה אז 'א גאנצע נאכט' פון פסח גייט ער נישט מקיים זיין די מצוה פון סיפור יציא מצרים, אבער אויב ער מאכט די שבועה אז נאר ביז חצות גייט ער נישט מקיים זיין די מצוה פון סיפור יציאת מצרים, דעמאלטס איז די שבועה נישט חל, ווייל ביז חצות איז דא די מצוה פון סיפור יציאת מצרים פון פסח ביינאכט וואס אויף דעם קען מען נישט מאכן גיין שבועה.

און לויט רבי עקיבא: **ואם כלל עוד לילה אחת** [לפי רבי עקיבא], **או כלל גם אחר חצות** [לפי רבי אלעזר בן עזריה] **לכאורה חל דהוי כולל. ואין כאן מקומו להאריך, ולעורר באתי** - דהיינו אפילו לויט רבי עקיבא, אויב איינער מאכט א שבועה אז ער גייט נישט מקיים זיין די מצוה פון זכירת יציאת מצרים ליל יד וליל טו ניסן, דעמאלטס איז די שבועה יא חל, וויבאלד די שבועה איז כולל אין זיך 'נאך א טאג' וואס ער גייט נישט מקיים זיין די מצוה פון זכירת יציאת מצרים.

### כשנשבע לבטל את המצוה - יתיר השבועה משום מראית עין

**עיין אבן העזר** (סימן קסא, סעיף ד בהג"ה) **גבי נשבע שלא לחלוץ ושלא לייבם, ויורה דעה** (סימן רלט, סעיף ז) **ור"מ**.

פירוש: דער מנחת חינוך איז מבאר, אז אפילו די כלל איז אז אויב איינער מאכט א שבועה אויף א מצוה איז די שבועה נישט חל, און אויב אזוי ווען איינער גייט מאכן א שבועה אז ער גייט נישט מקיים זיין די מצוה פון סיפור יציאת מצרים גייט די שבועה נישט חל זיין, אפילו אזוי זעהט מען אין די פוסקים אז מען דארף מתיר זיין די שבועה, און דער מנחת חינוך ברענגט א מקור אויף דעם, פון א רמ"א אין אבן העזר, ווי דער רמ"א שרייבט אזוי: אם נשבע הגדול שלא לייבם ולא לחלוץ, כופין אותו... ומכן מקום מתירין השבועה לגדול אף על פי שאינה חלה משום מראית העין - פירוש: די דין איז ווען איינער שטארבט אן קיין קינדער דארף די עלטסטע ברודער פון די פארשטארבענע מאן מייבם זיין די ווייב פון די מת. און אויב די עלטסטע ברידער וויל נישט גייט מען צו די קימעדיגע ברידער, און אויב קיין איין ברידער וויל נישט פאלט די חיוב צוריק ארויף אויף די עלסטע ברידער, און ער מיז מייבם זיין און ער קען זיך נישט ארויס דרייען פון די חיוב, זאגט דער רמ"א, אז אפילו די עלטסטע ברידער האט געמאכט א שבועה אז ער גייט נישט מייבם זיין, זיין ברידערס ווייב אפילו אזוי דארף ער מאכן יבום, וויבאלד די שבועה וואס ער האט געמאכט איז דאך א שבועה לבטל את המצוה, וואס איז נישט חל, אבער אפילו אזוי פאר ער גייט מאכן יבום, זאל ער מתיר זיין די שבועה וואס ער האט געמאכט, און די טעם איז 'משום מראית העין', דהיינו מענטשן זאלן נישט מיינען אז ער איז מבטל א שבועה. והוא הדין לגבי סיפור יציאת מצרים זאל ער מבטל זיין די שבועה משום מראית העין.